47 בלייבן אין דער פֿינסטערניש. און אויבֿ עמיצער
הערט מיינע רייד, און היט זיי נישט, וועל
איך אים נישט משפּטן: וואָרום איך בין נישט
געקומען, כדי איך זאָל משפּטן די וועלט, נאָר כדי איך
48 זאָל ראַטעווען די וועלט. דער, וואָס וואַרפֿט מיך אָפּ
און נעמט נישט אָן מיינע רייד, האָט שוין זיין שופֿט;
דאָס וואָרט, וואָס איך האָבֿ גערעדט, דאָס וועט אים
49 משפּטן אין דעם לעצטן טאָג. ווייל איך האָבֿ פֿון
מיר אַליין נישט גערעדט; נאָר ער, וואָס האָט מיך
געשיקט, דער פֿאָטער אַליין, האָט מיר געגעבן אַ
געבאָט, וואָס איך זאָל זאָגן, און וואָס איך זאָל
50 רעדן. און איך ווייס, אַז זיין געבאָט איז אייביק
לעבן. דעריבער וואָס איך רעד, רעד איך אַזוי,
ווי דער פֿאָטער האָט צו מיר גערעדט.

## קאַפּיטל דרייצן

1 און פֿאַר דעם יום טובֿ פּסח, אַזוי ווי ישוע האָט
געוואוסט, אַז זיין שעה איז געקומען, כדי ער
זאָל אַוועקגיין פֿון דער דאָזיקער וועלט צום פֿאָטער,
האָבנדיק געליבט זיינע אייגענע, וואָס זענען אין
דער וועלט, האָט ער זיי ליב געהאַט ביז צום סוף.
2 און בשעת דער סעודה אין אָוונט, נאָך דעם ווי דער
שטן האָט שוין געהאַט געלייגט אין האַרצן
פֿון יהודה בן שמעון איש קריות, אַז ער זאָל אים
3 פֿאַרראַטן, (ישוע) וויסנדיק, אַז דער פֿאָטער האָט
אים אַלץ איבערגעגעבן אין די הענט אַריין, און אַז
4 ער איז געקומען פֿון ג־ט און גייט צו ג־ט, איז ער
5 אויפֿגעשטאַנען פֿונם טיש, און האָט אַוועקגעלייגט
די מלבושים, און נעמענדיק אַ האַנטוך, האָט ער זיך
אַרומגעגאַרטלט. נאָך דעם האָט ער אַריינגעגאָסן